בעזהשי"ת

# דברות קודש

אשר זכינו לשמוע

## מאת כ"ק מרן
## אדמו"ר שליט"א

ז"ך אב

פק"ק קרית טאהש יצ"ו

## חלק גדול מהוצאות הקונטרס

נתנדב ע"י

הרה"ח **אליעזר צבי** בר"י **הערשקאוויטש** הי"ו

לרגל שמחת נשואי בנו

החתן **מאיר ארי'** הי"ו

ממצוייני ישיבתינו הק'

ויה"ר שהזיווג יעלה יפה יפה,
ותרווה רב נחת דקדושה מכל יוצ"ח

יוצא לאור

**לקראת יומא דהילולא קדישא**

**ז"ך אב תשפ"ה לפ"ק**

# ז"ך אב תשפ"ג

## | בעת מסיבת לחיים לפני עלי' לציון הק' |

הנה נתאספנו כולנו יחד למסיבת לחיים בהאי יומא יומא דהילולא קדישא של אבינו רועינו מרן רבינו הקדוש זיע"א.

הענין של נתינת לחיים ביומא דהילולא קדישא של צדיק כבר מובא ונתבאר באר היטב בספרי תלמידי הבעש"ט הק' זי"ע, ואמרו שהוא ע"ד דרך משל, כשהצדיק בחיים חיותו בא לאיזה עיר בקרב אנשי בריתו ושלומו מתקבלין אנשי העיר יחד ועורכין סעודה ומסיבת לחיים לכבודו, כמו כן ביומא דהילולא של צדיק נותנין לחיים ועושין סעודת הילולא, להראות בזה שהצדיק בא לעיר.

לכן יושבין אנחנו כאן במסיבת לחיים, לקבל פניו הק' של הצדיק, ולהראות שהצדיק נמצא בתוכינו ׳דער צדיק איז אריינגעקומען אין שטאט, ער איז אלעמאל דא, אבער יעצט קומט ער ספעציעל אריין׳, ובזמן שהצדיק בעיר יפעול לנו ולכל ישראל בזכותו הגדול והקדוש כל מיני ישועות ורפואות וכל טוב סלה ברוחניות ובגשמיות אכיה"ר.

~ ~ ~

כתוב בתוה"ק (במדבר כ"א, ח'-ט') ויאמר ה' אל משה עשה לך שרף ושים אותו על נס והיה כל הנשוך וראה אותו וחי, וביאר הרה"ק הרבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע בספרו הק' (נועם אלימלך פ' פקודי ד"ה ויעש), וזלה"ק: עשה לך שרף, רצה לומר בני אדם השורפים בקדושתם וכרשפי אש בהתלהבותם בוודאי הצדיקים הללו

עליהם נאמר ותגזר אומר וכו' (איוב כ"ח, כ"ח), ושים אותו על נס', פירוש שתשים את הצדיקים הזה לנס לעולם, שידינו הכל שכל פעולותיו ומעשיו הכל מעשה ניסים, וזהו יכל הגשוף' רוצה לומר כל מי שיש לו נשיכה דהיינו שחסר לו איזה דבר, הן רפואה והן מזוני חיי בני, יראה אותו וחי', דתיכף בראיה כל דהוא בעלמא ימשיך לו צדיק הנ"ל הכל, עכלה"ק.

ועכשיו כשאנו הולכין להשתטח על ציון קדשו של רבינו הקדוש זי"ע, בעת כזה שהצדיק בעיר, וראה אותו - יאז דער צדיק וועט האבן א שטיקל ראיה', וחי - בזה בוודאי ימשיך לנו חיות דקדושה ברוחניות ובגשמיות וכל מיני השפעות טובות להכלל והפרט.

וכידוע לכל שרבינו הקדוש זי"ע מסר את נפשו ולבו לכל איש ישראל מקטן ועד גדול, יער האט זיך איינגאנצן אוועקגעגעבן פאר יעדן איד', וכשראה והכיר על אחד שצריכים לחזקו ולאמצו עשה זאת בכל לבו ונפשו. גם הי' מעורר אותו תמיד בכל יום ובכל עת לעבוד עבודת עבודה להיות עבד נאמן לה' ולתורתו, יער האט אונז אריינגעגעבן א חיות דקדושה', וכל זאת היה בחיים חיותו, ועכשיו ביותר, כשאנו עומדין כבר לאחר פטירתו מן העולם, כי ידוע מאמרם ז"ל (חולין ז' ע"ב) שהצדיקים במיתתן גדולים יותר מבחייהם.

וכמו שידוע עובדא שפע"א הגיע בחור אחד לישיבתו הק', אבל לדאבון לבם של הנהלת הישיבה הבחינו וראו תיכף שכל התנהגותו אינה מתאימה כפי רוח הישיבה לא ברוחניות ולא בגשמיות, והבחור הלז הגדיל מיום ליום את מעשיו הרעים, עד כדי כך שהנהלת הישיבה החליטו וגמרו כולם פה אחד ימקומו של הבחור הלז אינו בין כותלי הישיבה'.

נכנסו בקודש פנימה להתייעץ ולשאול מפי קודש הקדשים מרן רבינו הקדוש זי"ע כדת מה לעשות, וסיפרו ותיארו לפניו כל מצבו

הקשר של הבחור ההוא, והליטו לפניו החלטתם לשלחו מהישיבה, ושאלו את חוות דעתו הק' אם אכן יעשו כן וישלחו אותו מהישיבה.

השיב להם רבינו הקדוש שחלילה לא ישלחו אותו, והוא בעצמו יראה וישתדל שהבחור ישנה את מעשיו לטובה.

רבינו קרא אליו הבחור ההוא, ודיבר עמו אודות התנהגותו הגרועה, וביקש ממנו כאב רחמן אל בנו שייטיב את מעשיו וישוב לדרך הטובה והישרה, ויחזק את עצמו בתורה ובתפלה ובמדות טובות ומעשים טובים, וגם לוה לו שיחתום על נייר שקיבל כל זה עליו, ולא ישוב עוד לכסלה.

ואכן ראו בימים הבאים האיך שהבחור ההוא שינה את מעשיו לטובה, ועזב את דרכו הרעה, וכמעט שנהפך לאיש אחר. אכן כעבור שבועות אחדים התחיל לאט לאט לשכוח מקבלתו הטובה, עד שבזמן קצר חזר למעשיו הראשונות.

הנהלת הישיבה ראו שאין עוד מה לעשות היות שרבינו רוצה שישאר כאן, אבל מאידך גיסא הלא אי אפשר להמשיך עוד בהנהגה כזו, הלא יכול למשוך עמו בחורים אחרים ולקלקלם חלילה. לכן באו שוב אל רבינו הקדוש וסיפרו לו את אשר נעשה, ואמרו לרבינו: אין אנו רוצים להתחצף חלילה לרבינו, אבל אנו אין בכוחינו לנהל את הישיבה אם הבחור הזה נשאר כאן בהישיבה, אם רבינו רוצה אנו נותנים לו בחזרה את המפתחות הישיבה, והוא יכול לנהל הישיבה בעצמו כפי שהוא מבין, וכרצונו ואוות נפשו.

רבינו שתק כשעה חדא, ולא השיב להם כלום. רק כעבור כמה דקות אמר רביה"ק להם: בָּנַי, הטו אזנכם למה שאדבר, הנה יודע אני שכוונתכם הוא רק לטובתי, אשר על כן תענו ותאמרו לי שאם הבחור הזה היה בני חביבי, האיך הייתם עושים, האם גם במקרה כזה

עשיתם כן לשלחו מהישיבה. והם לא השיבו כלום.

אז המשיך רבינו לדבר אליהם, ואמר להם: הן אמת, כבר ראינו דבר זה שמשלחין מישיבה בחור מקולקל במעשים לא טובים, אבל על פי רוב יכולים להתפשר עמו ולעשות מה שיכולין לעשות שיעזוב את מעשיו הרעים. אשר על כן ביקש מהם שינסו עוד הפעם להשאיר את הבחור הזה בישיבה, והוא יעשה כל מה שביכלתו לעשות, שהבחור ההוא יעזוב את דרכו הרעה ויעשה תשובה שלימה בלב שלם.

ואכן השקיע רבינו מיטב כוחותיו הק' להשפיע עליו רוח טהרה משמים, ואכן הבחור הזה נתגדל לימים לאילנא רברבא בכוחו של אותו זקן, ולימים כשהגיע לפרק האיש מקדש בנה את ביתו בית נאמן בישראל והעמיד דורות ישרים ומבורכים.

מה שיוצא לנו מזה הסיפור הוא, שהצדיק נשגב, הלב הרחמים, האוהב ישראל, לא שאל את הנהלת הישיבה, המנהל, או המשגיח, או המגידי שיעור 'מה חשבתם לעשות אם הבחור הזה היה בנכם', אלא שאל על עצמו 'מה היה אם הבחור הזה היה בניי', ושאל כן לפי שלא רצה לבייש לזולתו, ולא רצה להביא אדם אחר לידי נסיון שיוכל לכעוס בלבו או שיכאיב לו.

והשנית שרואין מזה הוא שכל בר ישראל בכל מצב שהוא יכול בכל עת לשוב אל ה', כמו שאירע אצל בחור זה שלבסוף הקים דורות ישרים ומבורכים. הרי רואין מזה בעליל שאפילו אדם שהוא בשפל המצב ובסתר המדריגה יכול לחזור לדרך הטוב ולעלות מעלה מעלה על סולם העולה בית א-ל.

וצריכין לידע שלא נמצא שום אדם בעולם שאין הקב״ה מקבל נחת רוח ממנו, ובפרט בדור השפל הזה כשאדם מקיים התורה והמצוות נעשה מזה נחת רוח גדול מאוד להשי״ת, אלא שצריכים בכל עת לבקש להתעלות יותר ויותר.

כל זה לימד לנו הצדיק הזה, הן בישיבתו הק' לתלמידיו הקרובים בניס ואח"כ לאברכי הכולל, וכן עשה בהתלמוד תורה והבית חינוך לבנות שהתחיל ללמוד זאת כשעדיין היו קטנים, שלכל בר ישראל יש לו נשמה קדושה ויכול להתגדל להיות דבוק אל ה'.

הנה מתאמרא משמיה דהרה"ק רבי פנחס מקארעץ זי"ע, שכשהאדם קורא שם לבנו כשם הצדיק, נכנס בהבן ניצוץ מנשמת הצדיק, ב"ה שזכינו להקים ישיבה בקרית יואל לשמו ולזכרו של רביה"ק. וגם זכינו להקים ת"ת בעיר מאנסי על שמו וזכרו של אותו צדיק, תחת השם 'עבודת משולם פייש', הלא זה שמו של רביה"ק, ונכנס בזה ניצוץ נשמת הצדיק, ומובטחני שישפיע כל הטוב משמי מעל לכל התלמידים ולהורים שנותנים שם בניהם להתחנך ע"ד הטובה והישרה על דרך הסלולה שהורונו אותו זקן מרן רבינו הקדוש זי"ע.

כל אחד יודע בינו לבין קונו מה שצריך עוד לתקן, ועכשיו כשאנו הולכים אל ציון קדשו של רביה"ק, שבחייס חיותו הדריך את כל ישראל לדרך הטוב, ואף לפחות שבפחותים, ונתן בנו חיות דקדושה, ולימד אותנו שכל איש ישראל יש לו נשמה קדושה ויוכל להתעלות למעלה למעלה, א"כ בוודאי שהצדיק הזה האוהב ישראל בלב מלא רחמים יעשה הכל לטובת בניו ותלמידיו הנמצאים כאן ולכל תלמידיו ואנשי שלומו די בכל אתר ואתר, וראה אותו וחי, והצדיק יראה אותנו בראיה כל דהו, ויתן בנו חיות דקדושה ברוחניות ובגשמיות וישפיע עלינו שנושע בכל מיני ישועות ורפואות.

~ ~ ~

פעם אחת כשהלך הרה"ק בעל מנחת אלעזר ממונקאטש זי"ע, לפקוד את ציון קדשו של אביו הרה"ק בעל דרכי תשובה זי"ע, דקדק בלשון הפיוט בר יוחאי וכו' אשרי העם הם לומדיך, כי לכאורה מן הראוי היה לומר 'אשרי לומדי

תורתיך', מהו לומדיך, דנראה כמו שהעם מלמדים לר' שמעון בר יוחאי איזה לימוד.

וביאר דהכוונה הוא למה שהולכין בעת צרה לקברי צדיקים לבקש מהם לבטל הגזירה, כי לפעמים גוזרין חלילה גזירות רעות על ישראל לפי שעברו ח"ו על רצונו של מקום, וצריכים להזדכך מזה, ומסתירים ומעלימים מהצדיקים הגזירות, שהרי הקב"ה גוזר והצדיק מבטלה, לכן מעלימין מהן הגזירות כדי שלא יבטלום. לכן באים בני ישראל על קברי הצדיקים לקיים ה'הם לומדיך' ומלמדים ומודיעים להצדיקים את כל הגזירות קשות והיסורים נוראים של בנ"י למען ירעישו בשמים ויבטלו כל הגזירות קשות ורעות ויגזרו עלינו כל גזירות טובות ישועות ונחמות שהרי הצדיק גוזר והקב"ה מקיים.

וזה הפירוש בר יוחאי וכו' אשרי העם הם לומדיך, וואויל איז פאר דעם פאלק אז זיי קענען אויסזאגן זייערע צרות פאר'ן צדיק ר' שמעון בר יוחאי, כדי שיוכל לבטלם ולהושיעם בכל מה שחסר להם.

הנה אנו עומדן כעת בזמן שבני ישראל סובלים צרות ויסורים הרבה יותר מהאומות העולם, כי הקב"ה כבר מכין אותנו לקבל שכר טוב וגדול לעולם הבא, וצריכים להתדכך מקודם כדי שנוכל לקבלה, ועם כל זאת 'יהאבן אונז א וועג ארוים, אוזא האמיר א צדיק', אשרי העם הם לומדיך, וואויל איז פאר דעם פאלק אז זיי קענען אויסזאגן פאר'ן צדיק, ואם אנחנו נלך ונודיע להצדיק את הגזירות והצרות, בוודאי יבטל מעלינו ומעל כל עמו בית ישראל כל גזירות קשות ורעות.

הרה"ק הבית עין זי"ע עלה בערוב ימיו להשתקע בעיר הקודש צפת תובב"א בארה"ק, וקודם נסיעתו נסע לעיר טשערנאביל לקבל ברכת פרידה מרבו הגדול המגיד מטשערנאביל זי"ע, ובעת שנפרדו לשלום אמר לו המגיד: 'יאז איר פארט קיין ארץ ישראל וועט איר זיכער זיין אין מירון ביי רבי שמעון,

זאלט איר זעהן איינצורייסן דארט, איר זאלט גוט אויסווייכען די אויגן, איך מיין נישט אייערע אויגן, נאר זיינע אויגן, ער זאל פארגיסן טייכן טרערן, ער זאל זעהן אז משיח זאל שוין קומען'.

וזאת מוטל עלינו לזכור תמיד, ובפרט לעת כזאת כשאנו הולכין לפקוד את ציון קדשו של מרן רבינו הקדוש זי"ע, שצריכים להתפלל ולבקש ביותר, 'מ'זאל זיך אויסגיסן דאס הארץ, מ'זאל אויסזאגן פאר'ן צדיק וואס מ'מאכט מיט, און מ'זאל בעטן דעם הייליגן צדיק, מ'זאל פארגיסן טייכן טרערן', שנזכה לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות וביראת ה' טהורה, ושנוכל לחנכם על דרכי התורה והיראה בקל ובניקל, ושיהיה אנחנו וצאצאינו וצאצאי צאצאינו בריאים וחזקים לעבודתו יתברך שמו, מ'זאל האבן השפעות טובות ברוחניות ובגשמיות, ושהצדיק יעורר רחמי שמים בעולמות העליונים שמשיח צדקינו יבוא במהרה בימינו בקרוב לגאלינו גאולת עולם.

~ ~ ~

השי"ת יעזור שכוחו וזכותו של אותו צדיק וקדוש יעזור ויגן ויושיע עלינו ועל כל בית ישראל, ביי אלעם וואס אידן בעטן זאל זיין טאקע צדיק גוזר והקב"ה מקיים, ונזכה ביחד במהרה לקבל פני משיח צדקינו בביאת גואל צדק בב"א.

~ ~ ~

# ז"ך אב תשפ"א

## | בעת שלחן הטהור |

אונז זיצן דא צוזאמען ביומא דהילולא קדישא פון אבינו רועינו רבינו הקדוש, דער עמוד האש וואס האט אונז באלאכטן די וועג אינעם פינסטערן גלות, דער טאטע וואס פלעגט אונז צו ווייזן וואס ס'מיינט שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד. איך וויל מקדים זיין מיט א ווארט.

### למה הבעש"ט ודרכו מפורסם יותר מרשב"י והאריז"ל

ס'ווערט געברענגט אז דער הייליגער בעל קצות החושן האט אמאל געטראפן דעם הייליגן עטרת צבי, און ער האט איהם געפרעגט 'מה יום מיומים' וואס איז די חילוק צווישן היינט און אמאל, האט דער עטרת צבי געפרעגט 'וואס איז די שאלה' האט ער געזאגט, וואס איז די פשט אז היינט איז דא אזוי פיל אידישע קינדער וואס האלטן זיך נאנט און זיי רעדן און קאכן זיך אין דעם הייליגן בעל שם טוב הקדוש און אין זיין דרך, ס'קומט ארויס אזוי פיל ספרים וואס רעדן אזוי פיל ארום פונעם בעל שם טוב הקדוש, און וויאזוי מ'גייט אין זיינע דרכים וואס ווייזן וויאזוי מ'דארף זיך אויפפירן צום אויבערשטן דער מלך מלכי המלכים, און פון די הייליגער רבי שמעון בר יוחאי און פון דעם הייליגן אר"י הק' רעדט מען נישט אזויפיל, ס'איז נישט דא אזוי סאך אידן וואס רעדן אזויפיל פון זיי ווי ס'איז דא פונעם הייליגן בעל שם טוב הקדוש, זיי זענען דאך געווען אסאך פאר דער בעל שם טוב הקדוש, די בעל שם טוב האט דאך געלערנט פון זיי, די גאנצע דרך פונעם בעל שם טוב שטאמט דאך פון זיי, ס'איז געבויט אויף זייערע ווערטער אויף זייערע דרכים, די בעל שם טוב האט דאך אלעם גענומען פון זוהר הק' און פון אר"י הקדוש, איז וואס גייט דא פאר, מה יום מיומים, פארוואס פונעם בעל שם טוב הק', וואס ער איז געווען

שפעטער רעדט מען יא אזויפיל, און פון ר' שמעון בר יוחאי און פון דעם אר"י הקדוש וואס זיי זענען געווען פארדעם רעדט מען נישט אזויפיל.

## רק כשהבינו בני המדינה גדלותו של האיש רק אז המליכוהו עליהם

האט דער הייליגע עטרת צבי געענטפערט פארן קצות מיט א משל נחמד ונעים מיט א זיסע שיינע משל. ס'איז געווען אמאל א גרויסע מדינה וואס האט נישט געהאט קיין מלך, און די בני המדינה האבן געזוכט א פאסיגע מענטש וואס זאל קענען זיין זייער מלך. צו פירן אזא גרויסע מדינה דארף מען דאך האבן א פאסיגע מענטש וואס קען עס טאקע פירן, האבן זיי געזוכט פאר א לאנגע צייט איינעם וואס איז פאסיג דערצו, ביז איינמאל איז אנגעקומען שמועות צו זייערע אויערן אז אין יענע און יענע עק וועלט איז דא א מענטש וואס איז זייער געלונגען, און ער קען פירן די מדינה. פארשטייט זיך אמאליגע צייטן האט מען נישט געקענט אזוי גרינג צוקומען געוואר צו ווערן אויב ס'איז טאקע אמת, האבן די בני המדינה געזאגט, אויב מענטשן דערציילן אז זיי האבן געהערט אז יענער איז א געלונגענע מענטש קען טאקע זיין אזוי, אבער אונז קענען איהם נישט אויפנעמען נאר וועגן דעם צו זיין מלך אויף אונז, ווייל אונז ווייסן נאכנישט פאר זיכער אז ער קען טאקע.

א צייט שפעטער איז אנגעקומען דארט איינער וואס איז געווען אין יענע מדינה וואס דער מענטש האט געוואוינט האבן די בני המדינה אים אויסגעפרעגט איבער יענעם, און ער האט זיך גענומען אויסצורעכענען אלע זיינע מעלות. ער איז ממש זייער א געלונגענע מענטש, זענען געווען מענטשן וואס האבן פארשטאנען צו די מעלות וואס ער זאגט, און ס'האט זיי טאקע געצויגן אויפצונעמען יענעם, אבער רוב פון די בני המדינה האבן נישט אינגאנצן פארשטאנען וואס די מעלות זענען האבן זיי עס נישט געוואלט אננעמען.

איז געקומען א חכם און ער האט געזאגט, לאמיר אהערברענגען די מענטש דא, זאל דער מענטש דא זיין אביסל, ער זאל רעדן צום עולם, און אזוי וועט די גאנצע עולם זעהן ווי געלונגען ער איז, און אזוי וועט דער עולם טאקע וועלן ער זאל ווערן מלך, וכך הוה, מ'האט איהם אראפגעברענגט און ער האט גערעדט צום גאנצען עולם, און אזוי האט טאקע יעדער איינער געזעהן וואס פאר א געלונגענע

מענטש ער איז, און אונזער ראוי צו זיין מלך, און אזוי האט מען איהם טאקע אנגעטוען דעם קרוין און מ'האט איהם אויפגענומען אלץ נייע מלך פון די מדינה.

> הבעש"ט הק' נתן לכל בר ישראל אף לפשוטי המון עם להבין גדלתו ורממותו של ה'מלך' מלכי המלכים לכן הוא מפורסם יותר מהרשב"י והאריז"ל

האט די הייליגע עטרת צבי געזאגט די נמשל איז אזוי, די הייליגע רבי שמעון בר יוחאי האט טאקע פארשטאנען, און ער האט טאקע מסביר געווען פאר זיינע תלמידים ווי געלונגען די מלך איז, ווי גרויס דער אויבערשטער דער 'מלך' מלכי המלכים איז, ער האט זיי געגעבן צו פארשטיין אז אונז האבן א באשעפער וואס ער האט באשאפן די וועלט, און ער איז די מלך פון די וועלט, אבער די אלע זאכן איז נאר געווען בדרך קבלה, ער האט מחבר געווען די זוהר הקדוש, ער האט מתקן געווען די תיקוני זוהר, ער האט ארויסגעגעבן די אידרא, אבער ס'איז אלעס נאר בדרך קבלה, און ס'איז נאר געווען אפאר הויכע מענטשן דארט וואס האבן עס פארשטאנען, און נאר זיי האבן געוואוסט ווי גרויס דער 'מלך' איז, אבער רוב עולם האט עס נישט געוואוסט.

שפעטער איז געקומען די אר"י הקדוש, און ער האט ווייטער איבערגעגעבן די דרך פון רבי שמעון בר יוחאי, און ער האט עס מער מסביר געווען פאר זיינע תלמידים, און ער האט שוין צוגערופן מער מענטשן, אבער ער האט נאר גערעדט צו זייער אפגעהיטענע מענטשן, ער האט גערעדט צו די יראים ושלמים, די דערהויבענע מענטשן וואס האבן עס פארשטאנען, אבער ער האט נישט גערעדט צו די גאנצע וועלט, פאר די פשוטי המון עם האט ער עס נישט געזאגט. ביי די דרך פונעם אר"י הקדוש האט ווייטער נישט יעדער איינער פארשטאנען ווי גרויס דער 'מלך' מלכי המלכים איז.

איז געקומען די הייליגע בעל שם טוב הק' און ער האט מסביר געווען זייער דרך פאר די גאנצע דור, ער האט עס געגעבן צו פארשטיין פאר יעדעם איינעם אפילו פאר פשוטי המון עם, און ער האט מסביר געווען ווי גרויס דער 'מלך' מלכי המלכים איז, און וואספארא גרויסע באשעפער אונז פארמאגן, און אז דער אויבערשטער פירט אונז, ער האט אונז געפירט און ער וועט אונז אייביג פירן, און

ער האט מסביר געווען אז אפילו מיט גשמיות קען מען אויך דינען דעם אויבערשטן, אפילו ווען א מענטש עסט און טרינקט טוט ער עס אויך פארן אויבערשטן, ווייל ער עסט און טרינקט נאר כדי צו האבן כח איהם צו דינען, ער שלאפט נאר כדי ער זאל קענען לערנען די תורה, ער זאל קענען טוהן מצות און מעשים טובים, אזוי האט ער אריינגעברענגט אפילו אין פשוטע מענטשן דעם רבונו של עולם די מלך מלכי המלכים, אזוי האבן זיי אלע זייער ליב געהאט דעם מלך, און אזוי האבן זיי ממליך געווען דעם אויבערשטן אויף זיך. וועגן דעם רעדן אזויפיל אידן פונעם בעל שם טוב הק' און פון זיין דרך מער פון ר' שמעון בר יוחאי און די אר"י הקדוש.

> אנו מתאספים לדבר מרביה"ק ולשמוח ביומא דהילולא דיליה לפי שהוא נתן בנו להבין גדלותו של המלך מלכי המלכים הקב"ה

לענינינו, אחינו בני ישראל בנים למקום, קינדער פון הייליגן באשעפער, קינדער פון רבינו הקדוש, ווער ס'געדענקט ווי רבינו הקדוש האט אריינגעגעבן אין אונז ווי גרויס דער מלך מלכי המלכים איז, וואספארא באשעפער אונז האבן, ער האט אונז אריינגעגעבן די אמונה פשוטה וואס אונז זאלן האבן אינעם הייליגן באשעפער, ער האט אריינגעברענגט אין אונז א חיות און א ליבשאפט צום מלך מלכי המלכים, ער האט אריינגעברענגט אין אונז אז א איד דארף וויסן דאס גרויסקייט אז ער איז א איד, און אז ס'איז א כבוד צו זיין א איד, אפילו מ'גייט דא אריבער אזעלכע שווערקייטן, ער האט און אונז אריינגעגעבן די זיסקייט פון ממליך זיין דעם אויבערשטן. פארדעם זיצן אונז דא היינט און אונז רעדן פון איהם, און פון זיין דרך, ווייל ער האט מסביר געווען אפי' פאר אונזער דור ווי גרויס און ווי גוט דער 'מלך' איז.

אונז פרייען זיך היינט מיט ביומא דהילולא דיליה, ווייל אונז זעהן אז אין אזא פינסטערע גלות, וואס החושך יכסה ארץ, די חשכות פונעם גלות טוט אונז פארדעקן, אין דעם חשכות זעהן אונז ווי רבינו הקדוש איז געקומען און ער האט אריינגעשיינט אין אונז א ליכטיגקייט, מ'זעהט וויאזוי אונז זענען אויסגעוואקסן אזעלכע ערליכע קינדער, וויאזוי מ'איז אויסגעוואקסן יראים ושלמים, וויאזוי

מ'וואקסט אויף דא, אנשים נשים וטף דינען דעם אויבערשטן, די קינדערלעך לערנען די תורה הק', דאס אלעס האט רבינו הקדוש אריינגעשיינט אין אונז.

ווען מ'קומט זיך צוזאם לכבוד זיין שמחה די יומא דהילולא דיליה איז עס א געוואלדיגע שמחה, הן פאר רבינו הקדוש, און הן פארן באשעפער די רבונו של עולם.

### השי"ת נותן רשות וכח לרביה"ק ביומא דהילולא דיליה להשפיע לנו כל טוב

אונז ווייסן אבער נאך א זאך, ס'ווערט דאך געברענגט אין זוהר הקדוש (דברים רצ"א ע"ב) אז די טאג וואס די הייליגע תנא אלקי רבי שמעון בר יוחאי איז נסתלק געווארן, האט ער געזאגט כל יומא דא ברשותי קיימא, די היינטיגע טאג ל"ג בעומר איז אין מיין רשות, וואס הייסט די היינטיגע טאג איז אין זיין רשות. דאס הייסט אז ביום ל"ג בעומר האט רבי שמעון א רשות פון הימל מזכה צו זיין די וועלט, ער האט דאך געזאגט יכול אני לפטור את העולם מן הדין, ער האט רשות ביומא דהילולא דיליה צו פטר'ן די גאנצע וועלט פון אלע דינים און ער קען אראפברענגען השפעות טובות פאר כלל ישראל, אזוי האט רבי שמעון געזאגט.

רבינו הקדוש פלעגט דאך זיין דבוק אין אלע חיבורים פון רבי שמעון בן יוחאי, ער פלעגט פילעווען אין דעם זוהר הקדוש די אידרא און תיקוני זוהר, חוץ פון דעם איז ער דאך געווען דבוק אין די תלמידי הבעל שם, וואס די בעל שם טוב הקדוש איז דאך געווען א תלמיד פונעם אר"י הקדוש וואס ער האט דאך אלעס גענומען פון רבי שמעון, רבינו הקדוש האט דאך געלערנט פון זיי אלע, איז ער דאך א תלמיד פון רבי שמעון בר יוחאי, די אלע כוחות פון די רבי קומט דאך אראפ פארן תלמיד, גלייבן אונז אז ביומא דהילולא דיליה, די טאג וואס ער איז נסתלק געווארן קען ער זיכער אויך זאגן יומא דא ברשותי, די היינטיגע טאג איז אין מיין רשות, איך האב היינט רשות משפיע צו זיין פאר כלל ישראל וואס זיי דארפן.

אזוי זעהט מען טאקע אין די הייליגע תורה, ס'ווערט געברענגט ווען משה רבינו איז געווען ביים סנה, און דער אויבערשטער האט אים געוואלט ממנה זיין ער זאל זיין די מנהיג פון כלל ישראל, שטייט דארט (שמות ג' ה'), אז דער אויבערשטער

האט אים געזאגט של נעלך מעל רגליך, סתם פשט איז אז משה האט געזעהן דארט אז די סנה ברענט און ס'ווערט נישט פארברענט, האט ער זיך זייער געוואונדערט, האט איהם דער אויבערשטער געזאגט, נעם אראפ די שיך פון דיין פיס ווייל דו שטייסט דא אויף א מקום קדוש. אבער די ספרים הק' זאגן אן אנדערע פשט אין פסוק.

אין אמת'ן רופט מען דאך א יומא דהילולא פון א צדיק א יום טוב, מ'זאגט אז מ'קומט זיך צוזאם 'לרגל' יומא דהילולא, רגל איז דאך א לשון פון א יום טוב אזוי ווי ס'שטייט שבתא דרגלא, א יומא דהילולא פון א צדיק איז א יום טוב סיי פארן צדיק און סיי פארן אויבערשטן, פארן צדיק איז עס א יום טוב ווייל ער קען דעמאלטס משפיע זיין פאר זיינע קינדער אונטן, פארן אויבערשטן אויבן איז עס א יום טוב, ווייל ביומא דהילולא פון א צדיק גיבט מען א קוק אראפ וואס דער צדיק האט אראפגעברענגט, וויאזוי ער האט מחנך געווען זיין קינדער, זיינע תלמידים, וואספארא תלמידים ער האט איבערגעלאזט אויף די וועלט, ווערט דעמאלטס א געוואלדיגע גרויסע יום טוב אויבן.

זאגן די ספרים הק' פשט ביומא דהילולא פון א צדיק ווען ס'איז א יום טוב סיי פארן צדיק און סיי פארן אויבערשטן, זאגט דער אויבערשטער פאר משה פארן צדיק, - אתפשטותא דמשה בכל דרא ודרא, - 'של נעלך' מעל רגלך, 'נעלך' איז די לשון פון 'נעל', א שלאס, של נעלך, נעם אראפ די שלאס 'מעל רגלך', ווען ס'איז דיין רגל דיין יום טוב, ווען ס'איז דיין יומא דהילולא. אין דיין יומא דהילולא געב איך דיר רשות משפיע צו זיין.

שטייען אונז דאך יעצט אין א זמן וואס רבינו הקדוש איז אזוי הויך, היינט איז די טאג וואס די רבונו של עולם גיבט אים רשות, היינט איז די טאג וואס ער קען משפיע זיין, דארפן אונז דאך גיין און אונז דארפן בעטן פון איהם, און אונז גייען בעטן.

בבקשה ממך רביה"ק שתשפיע לכלל ישראל כל מה שחסר להם

בעט מען פון רבינו הקדוש, איך בעט אין נאמען פון כלל ישראל, רבינו הקדוש זאל שוין רחמנות האבן אויף כלל ישראל, כלל ישראל זאל האבן אלע השפעות טובות, מ'זאל האבן געזונט מ'זאל האבן פרנסה, מ'זאל האבן קינדער מ'זאל אויפשטעלן דורות, די קינדער און די קינד'ס קינדער זאלן זיין יראים ושלמים, דו ביזט דאך א תלמיד פון רבי שמעון בר יוחאי וואס ער האט געזאגט יומא דא ברשותי, דו האסט אריינגעברענגט זיין דרך אין אונז, דו האסט דאך אריינגעברענגט אין אונז ווי גרויס די באשעפער דער מלך מלכי המלכים איז, דו האסט אריינגעלייגט אין אונז א זיסקייט איהם ממליך צו זיין אויף זיך, דו האסט אריינגעברענגט אין אונז אז אונז זאלן ליב האבן דעם מלך מלכי המלכים, איז דאך היינט דער טאג וואס דו זאגסט אויך היום ברשותי, ס'קומט דאך יעצט א נייע יאר, זאל גאנץ כלל ישראל האבן א השפעות'דיגע יאר און יעדער איינער זאל האבן א כתיבה וחתימה טובה.

> אע"פ שרביה"ק יכול היום להשפיע לנו בני חיי ומזוני, עכ"ז מקודם צריכין להשרה השכינה בינינו, ואם ליכא ח"ו השראת השכינה א"א להשפיע עלינו

דאס קען מען בעטן, דאס גייען אונז בעטן, און דאס דארף מען בעטן, פארדעם זענען אונז דאך צאמגעקומען דא. אבער איין זאך דארף מען געדענקען, רבינו הקדוש פלעגט אונז נאכזאגן פון תיקוני זוהר אז אויב א איד וויל האבן השפעות דארף ער איין זאך טוהן, ער דארף האבן השראת השכינה. נאר אז ער וועט האבן השראת השכינה, נאר דעמאלטס קען ער בעטן וואס ער דארף.

יעדער איד דארף דאך בני חיי ומזוני, מ'דארף האבן בני, דער וואס האט נישט קיין קינדער וויל געהאלפן ווערן מיט קינדער, און אפילו איינער וואס האט שוין קינדער דארף האבן געזונטע קינדער, ער דארף אז זיינע קינדער זאלן זיין יראים ושלמים, ער וויל זעהן נחת פון זיינע קינדער, חיי, מ'דארף האבן א געזונטע לעבן, מזוני, מ'דארף האבן פרנסה פאר זיך, מ'דארף האבן צו געבן פאר די קינדערלעך וואס צו עסן, מ'דארף האבן גענוג מ'זאל קענען זיצן און לערנען רואיגערהייט, מ'זאל קענען דינען דעם אויבערשטן אן קיין דאגות, די אלע זאכן דארפן אידישע קינדער האבן.

דארף מען וויסן ס'שטייט דאך (מועד קטן כ"ח.) חיי בני ומזוני לא בזכותא תליא מילתא, ס'ווענדט זיך נישט אין די זכות פונעם מענטש, אלא במזלא תליא מילתא, ס'ווענדט זיך אונעם מזל, פונדעסוועגן זאגן די ספרים הק' אז מזלא ווייזט אויף די שכינה הקדושה, בני חיי ומזוני ווענדט זיך במזלא, ס'ווענדט זיך אין די שכינה, כדי צו האבן בני חיי ומזוני דארף די מזלא די שכינה הקדושה רוען ביי אונז, מ'דארף האבן השראת השכינה אז די מזל פון די שכינה זאל משפיע זיין פאר אונז, דאס זאגט די גמרא, בני חיי ומזוני וכו' במזלא תליא מילתא, כדי צו האבן בני חיי ומזוני מוז זיין השראת השכינה. דארף מען וויסן וויאזוי קען מען האבן השראת השכינה.

> בני שנו מדותי - תלמדו ממדותי דהיינו שתלמדו לקבל עליכם מסירת נפש מר' עקיבא, ועי"ז תזכו להשרות השכינה ביניכם

דער רבי שמעון וואס זאגט אז כדי צו באקומען השפעות דארף מען האבן השראת השכינה, האט געזאגט פאר זיינע תלמידים: בני שנו מדותי (גיטין ס"ז.) מיינע קינדער, לערנטס מיינע מדות, דארף מען דאך וויסן וואס זענען זיינע מדות וואס ער האט געוואלט אז זיינע תלמידים זאלן לערנען.

שטייט דארט ווייטער אז רבי שמעון האט געזאגט פאר זיינע תלמידים, שנו מדותי שמדותי תרומות מתרומות מידותיו של רבי עקיבא, מיינע מדות זענען נאר א קליין ביסל פון די מדות פון מיין רבי'ן רבי עקיבא. קען מען קוקן וואס רבי עקיבא'ס מדות זענען געווען אזוי וועט מען וויסן וואס רבי שמעון'ס מדות זענען, וואס דאס דארפן מען לערנען.

ווערט געברענגט (ברכות סא:) בשעה שהוציאו את רבי עקיבא להריגה, ווען מ'האט ארויסגענומען דעם הייליגן תנא ר' עקיבא אים צו הרג'ענען אין די צייטן פון די עשרה הרוגי מלכות, האט מען איהם געקעמט מיט אייזערנע קעמלען, און ס'איז דעמאלטס געווען די זמן פון קריאת שמע, האט ער געשריגן שמע ישראל ה' אלוקינו ה' אחד, זענען זיינע תלמידים צוגעגאנגען צו איהם און זיי האבן אים געפרעגט, רבינו, עד כאן, האט די הייליגע תנא אלקי רבי עקיבא געענטפערט: א גאנץ לעבן האב איך געווארט אז איך זאל קענען זוכה זיין מקיים צו זיין דעם ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך, א גאנץ לעבן ווארט איך שוין אז איך זאל קענען

אוועק געבן מיין נפש פארן אויבערשטן, און יעצט אז ס'קומט שוין ענדליך אן מיין געלעגנהייט, מ'האט מיר שוין ארויסגענומען להריגה, און מ'קעמט מיר מיט אייזערנע קעמלען, און ס'איז נאך יעצט די זמן קריאת שמע אויך, זאל איך עס אוועקגעבן און איך זאל עס נישט מקיים זיין, דאס זענען רבי עקיבא'ס מדות, און דאס איז אויך רבי שמעון'ס מדות, דאס הייסט מסירת נפש.

זאגט רבי שמעון בר יוחאי, בני שנו מדותי, לערנטס מיינע מדות, זייטס ענק מוסר נפש פארן אויבערשטן, און אז עטס וועטס ענק מוסר נפש זיין פארן אויבערשטן דעמאלטס וועט עטס האבן השראת השכינה, און די מזל פון בני חיי ומזוני וועט רוען אויף ענק, און דאס וועט משפיע זיין פאר ענק בני חיי ומזוני.

טייערע אידן, קינדער פון רבינו הקדוש, רבינו הקדוש האט אונז אויסגעלערנט אז מ'דארף האבן מסירת נפש, קיינער האלט נישט ביי א מצב וואס כדי זיך מוסר נפש צו זיין דארף ער זיך ממש הרג'ענען, קיינער דארף דאס נישט טוהן, נישט דאס דארף מען פון אונז, אונז דארפן זיך נאר אוועקגעבן אביסל פארן אויבערשטן, אביסל זיך אוועקגעבן מיטן דאווענען, מיטן לערנען, מיט מדות טובות, מיט ערליכקייט, מיט הייליגקייט קדושה וטהרה, אז מ'וועט טוהן די אלע זאכן מיט אביסל מסירת נפש, דעמאלטס וועט מען האבן השראת השכינה, דער אויבערשטער פאדערט פון אונז, ער איז דאך פארטריבן אין גלות, ער האט דאך נישט וואו צו רוען ער וויל וואוינען צווישן אונז, ער וויל רוען אויף אונז, זאל מען זיך אננעמען פאר די שכינה, מ'זאל זיך אוועקגעבן מיט אביסל הייליגקייט מיט מסירת נפש, און אזוי וועט דער אויבערשטער קענען משרה זיין די שכינה ביי אונז.

**רביה"ק לימד אותנו שאם האדם בוחר בטוב ומואס ברע אז תיכף הוא זוכה לכל השפעות טובות**

דאס האט אונז רבינו הקדוש געלערנט, ער האט אונז געלערנט אז א איד דארף זיין א בוחר בטוב ומואס ברע, ס'שטייט אין די וואכעדיגע סדרה "ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה", משה רבינו זאגט אז דער אויבערשטער זאגט זעהטס איך געב ענק היינט די ברכה און די קללה, און עטס זאלטס זעהן אויסצווועלן, אויסצוהערן מיינע מצות, און אז עטס וועטס צוהערן, דעמאלטס וועט עטס האבן

די ברכה, דארף מען פארשטיין וואס איז די היום. היום מיינט דאך אז דער אייבערשטער גיבט די ברכות וקללות יעדן טאג אפילו היינט, מ'זעהט דאך אבער שפעטער אין די תורה אז די אלע ברכות וקללות האט מען געגעבן דעמאלטס אויף די הר גריזים און די הר עיבל, וואס מיינט ער דא צו זאגן מיט דעם היום.

זאגן די ספרים הקדושים די תלמידי בעל שם טוב פשט, ס'ווערט געברענגט אין בעל הטורים דארט, אז ווען א מענטש האט צו טוהן מיט א צווייטן און ער ווייסט נישט וואס צו טון, און ער מאכט א גורל מיטן צווייטן וואס ער זאל אויסוועלן, גייט דער צווייטער און ער פרובירט אונטער צושטיפן די צעטל וואס ער ווייסט אז ס'איז נישט גוט פאר איהם, כדי ער זאל נישט צוקומען ארויסצונעמען די צעטל וואס איז נישט גוט פארן צווייטן. אבער ווען דער אויבערשטער מאכט א גורל מיט א איד דעקט ער אויף פאר איםביידע זייטן און ער ווייזט אים, איך געב דיר טאקע א בחירה איך מאך מיט דיר א גורל, אבער איך ווייז דיר דאך, ראה געב א קוק, די צעטל פון די גורל די זייט איז די גוטע זייט, און די זייט איז די שלעכטע זייט. דאס הייסט ווען א מענטש איז בוחר אין איין זייט זעהט ער גלייך וואס ס'קומט אים נאכדעם צו ער האט אויסגעוועלט אין די גוטע אדער חלילה פארקערט. דאס זאגט די בעל הטורים פשט ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה דער אויבערשטער ווייזט וואס ס'איז גוט אויסצוועלן.

זאגן די תלמידי הבעל שם, משה רבינו גייט דאך ארויף אויפן צדיק, אתפשטותא דמשה בכל דרא ודרא, אין יעדע דור זאגן די צדיקים פאר די אידן אז דער אייבישטער זאגט, ראה אנכי נותן לפניכם 'היום', אפילו היינט אפילו בעיקבתא דמשיחא ווען ס'איז אזוי טונקל און דער אויבערשטער איז אזוי באהאלטן, אפילו אין אזא צייט קען מען זעהן ביידע גורלות, ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה, געדענקטס איך געב ענק היינט די ברכה, אויב עטס וועטס בוחר זיין בטוב וועט ענק אלעמאל גוט זיין אפילו בעיקבתא דמשיחא, דאס איז פשט פון די היום, אז אפילו היינט, אפילו אונז שטייען אין אזא צייט מיט דעם אלעם אויב וועט עטס צוהערן וועט ענק זיין נאר גוט.

דאס האט די צדיק אונז אויסגעלערנט, דאס האט ער אונז געוויזן, זיין יארצייט געפאלט יעדע יאר אויס אין די צייט וואס מ'ליינט די סדרה, ווייל ער האט אונז כסדר געזאגט אז אונז זאלן בוחר זיין בטוב, און אז אונז וועלן בוחר זיין בטוב וועט אונז נאר גוט זיין.

### אפילו האדם עבר עבירות הרבה יכול לשוב אל ה', ואל יתיאש מן הרחמים

ס'איז טאקע זייער שווער, ס'איז דא נסיונות, ס'איז דא מענטשן וואס האבן אזעלכע שווערע נסיונות און זיי האלטן שוין נעבעך ביי יאוש, דער מענטש קלערט, אה איך בין דאך אזא בעל עבירה, איך האב אזוי פיל געזינדיגט פארן אויבערשטן, ווער זאגט אז ער גייט נאך אננעמען מיין תשובה קלערט ער, אפילו דער צדיק וועט פרובירן משפיע צו זיין פאר מיר ווייס איך אויך נישט צו ס'וועט ווערן אנגענומען, איך האבן דאך שוין פרובירט אהער און אהין, און ער איז זיך נעבעך אינגאנצן מייאש.

דארף א מענטש וויסן ישועת ה' כהרף עין, די ישועה פון אויבערשטן קומט אין א אויגן בליק. וואס הייסט.

ישועת ה' כהרף עין לערנט מען זיך דאך פון יוסף הצדיק, אונז ווייסן דאך וואס יוסף הצדיק האט מיטגעמאכט מ'האט אים פארקויפט פאר א עבד מ'האט איהם געהאלטן פאר א גארנישט, שפעטער האט מען איהם אריינגעלייגט אין תפיסה פאר גארנישט, אבער צום סוף וואס איז געווארן, מ'האט איהם ארויסגענומען פון תפיסה און ער איז געווארן משנה למלך, געבטם א קוק פון א גארנישט איז ער געווארן א משנה למלך, דארף דאך א מענטש נעמען דאס פאר א ראיה פאר זיך אז ער קען אויך אין איין מינוט ווערן פון א גארנישט צו גאר הויעך.

דער הייליגער חתם סופר האט דאס געברענגט ביי א דרשה וואס ער האט געהאלטן ראש השנה פארן שופר בלאזן. ער האט געזאגט, דוד המלך זאגט אין תהלים (פ"א ד') תקעו בחודש שופר, תקעו - בלאזטס מיטן שופר, פארוואס, כדי ס'זאל זיין בחודש שופר, ס'זאל זיין חדשו מעשיכם, ס'זאל זיין שפרו מעשיכם, כדי עטס זאלטס באנייען ענקער מעשים און עטס זאלטס שיין מאכן ענקער מעשים. איי

וועט עטס קלערן וויאזוי קען איך תשובה טוהן, איך בין דאך אזא בעל עבירה, איך האבן דאך שוין געטוהן אזוי פיל עבירות. זאגט דוד המלך ווייטער (פסוק ו') עדות ביהוסף שמו בצאתו על ארץ מצרים, - נעם אן עדות נעם א ראיה פון יוסף הצדיק וואס ער איז געווען אזוי נידריג, בצאתו על ארץ מצרים, און צום סוף איז ער ארויס און ער איז געווארן די משנה למלך פון מצרים, זאגט די הייליגע חתם סופר פון דעם קען מען ארויסלערנען אז מ'קען תשובה טוהן נישט קיין חילוק ווי מ'האלט נאר, ווען ס'קומט אריין אין א איד א הרהור תשובה קען ער תשובה טוהן און ער קען האבן א תיקון. איבערהויפט אין אזא צייט וואס דער אויבערשטער ווארט אויף אונז, אונז זאלן מאכן פאר איהם א פלאץ ווי ער זאל קענען רוען.

> כל אחד ואחד צריך לילך לבקש מהצדיק שישפיע לו ולכל בנ"י כל טוב – אנו שכולנו בניו ותלמידיו יכולין לפעול אצלו ביותר

און דאס קען מען בעטן דעם צדיק, איבערהויפט אין אזא צייט וואס ער איז דא מיט אונז, איבערהויפט אין א צייט וואס דער אויבערשטער זאגט אים, של נעלך מעל רגלך, איך נעם אראפ די שלאס ביי דיין רגל ביי דיין יום טוב, איך געב דיר רשות משפיע צו זיין, די צייט איז דאך א געוואלדיגע זמן, מ'קען זיך דאך אויסבעטן ביים צדיק, ס'איז דאך אפן ס'איז נישט דא קיין שלאס היינט, דארף מען טאקע זעהן זיך אויסצובעטן ביים צדיק.

אונז גייען טאקע בעטן, אונז גייען אם ירצה השם אויסזאגן תהלים ביים ציון, זאל מען זעהן צו בעטן דעם צדיק, און מ'זאל בעטן דעם אויבערשטן בזכות דעם צדיק, מיט זיין כח און מיט זיין זכות זאל ער אונז העלפן און ער זאל אויס'פּעול'ן פאר אונז ישועות ורפואות, און ער זאל משפיע זיין פאר אונז נחת פון די קינדערלעך, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, די קינדער און די אייניקלעך זאלן זיך האלטן ערליך. אזויפיל אידן זענען צובראכן און צוקלאפט, אידן דארפן האבן ישועות ורפואות, זה בכה וזה בכה, יעדער איינער ווייסט דאך וואס ער דארף, ס'איז דאך היינט א צייט וואס יעדער איינער קען בעטן, זאל יעדער איינער בעטן אז דער רבונו של עולם זאל אונז געבן אלעם וואס אונז דארפן אין די זכות פונעם הייליגן צדיק.

רבינו הקדוש האט געטוהן א געוואלדיגע זאך, ער האט אויפגעשטעלט פאר אונז א שטאט ווי אונז זאלן זיך קענען האלטן הייליג, א פלאץ ווי אונז זאלן קענען צוקומען צום אויבערשטן מיט זיין כח, אלע אידן וואס האבן דא געלערנט, אלע קינדער וואס זענען דא אויפגעוואקסן, אפילו די וואס וואוינען נישט דא אבער זיי האבן מיטגענומען מיט זיך די קדושה וואס זיי האבן דא קונה געווען, אונז אלע קענען נאכמער בעטן, ווייל די צדיק ווייזט פארן אויבערשטן וויאזוי אונז האלטן זיך הייליג מיט די קדושה וואס ער האט אראפגעשטעלט, און דעמאלטס קען ער נאכמער פועל'ן ביים אויבערשטן.

> השי"ת קרא עירו ירושלים שהוא מורכב משני תיבת ירא"ה של"ם, להראות בזה שרוצה שניהם

מ'זאגט אז טאהש איז ירושלים ד'קאנאדע, דארף מען וויסן וואס מיינט דאס ירושלים, וואס טייטשט די ווארט ירושלים.

ס'שטייט אז אברהם אבינו האט אנגערופן די הר המוריה די פלאץ וואס ס'איז געווען דארט די עקידה - דארט איז דאך ירושלים - 'יראה', אזוויי ס'שטייט ויקרא אברהם שם המקום ההוא ה' יראה (בראשית כ"ב י"ד). ווען אברהם אבינו האט מלחמה געהאלטן מיט די אלע פיר קעניגן צו ראטעווען לוט, און ער האט זיי אלע אויסגע'הרג'עט, נאך די מלחמה שטייט דארט אין די תורה (שם י"ד י"ח) 'ומלכי צדק מלך שלם הוציא לחם ויין', מלכי צדק איז דאך שם בן נח, און וואס ער איז געווען די קעניג פון ירושלים, און ער האט גערופן דעם פלאץ שלם, אזוויי ס'שטייט דאך מלך שלם.

ברענגט די מדרש דארט (בר"ר נ"ו י'), אז דער אויבערשטער האט געזאגט, איך וויים נישט וויאזוי צו רופן דעם שטאט, אויב וועל איך עס רופן יראה אזוי ווי אברהם האט געוואלט, וועט שם האבן טענות, זאל איך עס רופן שלם אזוויי שם האט געוואלט, וועט דאך אברהם האבן טענות, פארדעם וועל איך עס רופן ירושלים וואס דאס איז צאמגעשטעלט פוןביידע נעמען ירא"ה של"ם. דארף מען פארשטיין וואס איז פשט פונעם מדרש.

נאר פשט איז, אברהם אבינו האט געוויזן אז מ'דארף דינען דעם אויבערשטן מיט יראה, די עקידה איז דאך געווען בבחינת יראה, בין אדם למקום, שם בן נח האט געוויזן אז מ'דארף דינען דעם אויבערשטן מיט אהבה, מ'דארף טוהן חסד מיט א צווייטן, אזוי ווי מ'זעהט ס'שטייט ומלכי צדק מלך שלם הוציא לחם ויין, ער איז געקומען דעמאלטס נאך די מלחמה און ער האט מכבד געווען אברהם ער האט איהם געברענגט צו עסן, מיט דעם האט ער געוויזן אז מ'דארף טוהן גמילות חסדים, ס'דארף זיין אהבה, ס'דארף זיין שלום בין אדם לחבירו. דאס זאגט די מדרש, דער אויבערשטער האט געזאגט, איך דארף האבן ביידע איך דארף יראה און איך דארף אהבה, פארדעם האט ער עס גערופן ירושלים, וואס איז צאמגעשטעלט פון ביידע יראה און של"ם.

> רביה"ק יסד הקריה על היסודות שירושלים עיה"ק מיוסד – דהיינו יראה ושל"ם, ומוטל חיוב ואחריות על כל אחד ואחד שלא להחריב היסודות

רבינו הקדוש האט אויפגעשטעלט דעם שטאט כדי ס'זאל זיין דא יראה און אהבה, ער האט געוואלט אז מ'זאל דינען דעם אויבערשטן אין דעם שטאט מיט יראה און מיט אהבה, פארדעם רופט מען עס אן ירושלים ד'קאנאדע. אפילו אונז זענען פארטריבן אין גלות, אונז זענען נישט אין ירושלים, מיט דעם אלעם איז דא אין די אנדערע עק וועלט אין קאנאדע א שטעטעלע וואס הייסט טאהש, און דעם שטעטל קען מען רופן ירושלים עיר הקודש, ס'איז א הייליגע שטאט, ס'איז א שטאט וואס איז דא יראה און ס'איז דא אהבה, ס'איז דא גמילות חסדים, ס'איז א פלאץ וואס אונז קענען זיך מחבר זיין צו די יראה און צו אהבה. יעצט איז טאקע די צייט וואס מ'דארף זיך מחבר זיין צו דעם, דארף א מענטש וויסן אז ער האט אן אחריות צו האלטן דעם שטאט הייליג, מ'דארף האבן אן אחריות נישט חס ושלום צו צוברעכן קיין גדרים וסייגים וואס רבינו הקדוש האט אוועקגעשטעלט, רבינו הקדוש האט אראפגעשטעלט דעם שטאט אויף די וועג פון אונזערע אבות הקדושים, און ער האט אראפגעלייגט תקנות וואס ער האט געפאדערט פון אונז עס אנצוהאלטן, ער האט כסדר געזאגט אז מ'זאל עס חס ושלום נישט צוברעכן, ס'איז דאך זיין שטאט דערף מען איהם פאלגן.

ער האט געזאגט אז די שטאט איז דעם אויבערשטן'ס, ער האט געזאגט, וואס הייסט ס'איז מיין שטאט, ס'איז דעם אויבערשטן'ס שטאט, אין דעם שטאט דארף מען פאלגן דעם אויבערשטן, און ער האט אונז געוויזן וואס דער אויבערשטער פאדערט פון אונז צו טוהן.

די חוב ליגט אויף אונז, דאס דארפן אונז טוהן, דאס איז די שנו מדותי, לערנטס ענק אפ פון מיינע מדות, אויף דעם האט ער אונז געוויזן אז ס'מיינט דעם שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד, אויף דעם דארף מען האבן א מסירת נפש, דארף מען זעהן טאקע דאס צו מקיים זיין.

### הגדרים והסייגים מונע האדם מן העבירה ובלעדם א"א להתנהג בקדושה וטהרה

אונז וויסן דאך, ס'שטייט ווען דער אויבערשטער האט געגעבן די תורה פאר די אידן און די אידן האבן געשריגן נעשה ונשמע, האט דער אויבערשטער געזאגט פאר משה (שמות י"ט י"ב), והגבלת את העם סביב, דו זאלסט ארומנעמען דעם פאלק, לאמר, אזוי צו זאגן, השמרו לכם עלות בהר, עטס זאלטס ענק אפהיטן נישט ארויף צו גיין אויפ'ן בארג. דארף מען פארשטיין וואס איז די לאמר, ווער זאל זאגן פאר וועם השמרו לכם עלות בהר, זאגט רש"י אז די גבול אליין האט גערעדט און געזאגט פאר די אידן, היטס ענק אפ, גייטס נישט ארויף אויפ'ן בארג.

פרעגן די ספרים הקדושים, פארוואס האט אויסגעפעלט אז די גבול אליין זאל רעדן. נאר וואס דען זאגן די ספרים הקדושים, אז די הר ווייזט אויפ'ן יצר הרע, ס'שטייט דאך אז פאר צדיקים איז די יצר הרע דומה צו א בארג, פשט איז אז, די תורה זאגט אונז אז א איד דארף מאכן א גבול ארום דעם בארג, דאס הייסט א איד דארף מאכן גדרים וסייגים ארום דעם יצר הרע כדי מ'זאל נישט חס ושלום צורירן צו אים, און די גדר האלט צוריק דעם מענטש ער זאל נישט פאלגן דעם יצר הרע, ער זאל נישט זינדיגן, דאס זאגט די פסוק, והגבלת את העם סביב, די אידן זאלן מאכן א הגבלה מ'זאל מאכן גדרים וסייגים ארום דעם יצר הרע, לאמר, - ווייל די גדרים אליינס שרייען און דערמאנען דעם איד, השמרו לכם עלות בהר - רירטס נישט צו צום יצר הרע שטייטס ווייט פון איהם, און נאר אזוי וועט מען קענען אפהיטן

די תורה. איז טייטש אז כדי זיך צו קענען אפהיטן פון אן עבירה דארף מען מאכן גדרים וסייגים.

> צריכין להתנהג בקדושה וטהרה, אנשים נשים וטף, ולהתרחק מדרכי האומות, הנשים והטף ילכו לבוש צניעות ופרישות

דאס האט רבינו הקדוש געפאדערט פון אונז, ער האט געפאדערט פון אנשים נשים וטף זיך צו האלטן הייליג בקדושה וטהרה, ס'ווערט געברענגט פונעם הייליגן ר' אורי סטרעליסק'ער, דוד המלך זאגט אין תהלים (קי״ט ל״ז) העבר עיני מראות שוא, סתם פשט איז, דוד המלך זאגט: רבונו של עולם, פיר מיר אוועק מיינע אויגן, איך זאל נישט זעהן קיין פאלשקייט, איך זאל נישט זעהן קיין שלעכטס. האט דער הייליגער ר' אורי סטרעליסקער געזאגט, דוד המלך זאגט, רבונו של עולם איך בעט דיר, נעם מיר ענדערשער אוועק מיין כח הראייה ווי איך זאל זעהן שלעכטס חס ושלום. דאס פאדערט מען פון אונז, אונז זאלן נישט קוקן קיין שלעכטס און מ'זאל זיך אויפפירן הייליג, פון די נשים האט רבינו הקדוש געפאדערט זיי זאלן גיין אנגעטוהן בצניעות, זיי זאלן חס ושלום נישט צוברענגען קיין מכשולות, ביי די טף האט ער געפאדערט אז מ'זאל אנטוהן אלע קינדערלעך בצניעות, סיי די אינגלעך און סיי די מיידלעך אז מ'האלט אן די גדרים וסייגים, דעמאלטס קען מען זיך אפהיטן פונעם הר פון דעם יצר הרע, דאס האט רבינו הקדוש געפאדערט פון אונז און דאס דארפן אונז טוהן.

ס'שטייט על מה אבדה הארץ, פארוואס איז די בית המקדש חרוב געווארן, על עזבם את תורתי, זאגט די גמרא אז דאס מיינט על שלא ברכו בתורה תחילה, זיי האבן נישט געמאכט אנפאנג א ברכה אויף די תורה, וואס הייסט אז מ'האט נישט געמאכט קיין ברכה, נאר ווען א איד שטייט אויף צופרי, פאנגט ער אן דעם טאג מיט דער ברכה אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו, דער אויבערשטער האט אונז אויסדערוועלט פון צווישן די פעלקער און ער האט אונז געגעבן זיין תורה, דארף ער וויסן אז אונז זענען אנדערש ווי אלע אנדערע פעלקער, אונז האבן א תורה און וואס ס'שטייט אין די תורה דארפן אונז מקיים זיין, אונז טארן זיך נישט צוגלייכן צו די גוים. דאס איז פשט על שלא ברכו בתורה תחילה, ווייל

מ'האט זיך צוגעגליכן צו די גוים איז די בית המקדש חרוב געווארן. ליגט אויף אונז א חוב דאס מקיים צו זיין, דאס האט רבינו הקדוש אריינגעברענגט אין אונז, ער האט אריינגעברענגט אין אונז א ליבשאפט אין אידישקייט.

### רביה"ק לימד וזירז אותנו לעבוד את ה' ביראה ובאהבה בכל דבר ודבר

א איד האט מיר געזאגט די וואך, אז ס'איז געווען צדיקים וואס ביי זיי האט מען געזעהן א געוואלדיגע יראת ה', ס'זענען געווען צדיקים וואס ביי זיי האט מען געזעהן א געוואלדיגע אהבת ה', אבער ביים הייליגן צדיק, רבינו הקדוש האט מען געזעהן סיי א געוואלדיגע יראת ה' און סיי א געוואלדיגע אהבת ה', ביי א זאך וואס איז דא יראה, א זאך וואס איז מורא'דיג שווער, האט ער אריינגעברענגט אין דעם אהבה, ער האט אריינגעברענגט מ'זאל ליב האבן די יראה. די זעלבע זאך עפעס וואס איז געווען אהבה, אויב עפעס איז אנגעקומען אביסל גרינג, האט ער אריינגעברענגט און ער האט געוויזן אז ס'דארף זיין מיט יראה. דאס איז וואס רבינו הקדוש האט אונז אריינגעגעבן, און דאס פאדערט ער פון אונז, בני שנו מדותי, דאס קענען אונז טוהן און דאס דארפן אונז טוהן, און אז אונז וועלן דאס טוהן מיט א מסירת נפש דעמאלטס וועלן אונז קענען האבן אלע השפעות טובות.

### צריכין ללמוד מעבודת התפילה של רביה"ק – כדי שנוכל להתפלל כמוהו צריכין לידבק אליו ולהתפלל בכל כוחינו

ווער רעדט וויאזוי א תפילה האט אויסגעזעהן ביי אים, וויאזוי זיין דאווענען האט אויסגעזעהן, מ'וויסט דאך וויאזוי ער האט אראפגעלייגט די פארנט פונעם דאווענען, די פרשת הקרבנות מיט די איזהו מקומן פאר הודו, און די קרבנות פאר מנחה, ער פלעגט צו זאגן מ'זאל זיין אין בית המדרש פון אדון עולם ביז אדון עולם, וויאזוי ער האט גערעדט צום אויבערשטן ווי א קינד צו זיין טאטע. די אלע זאכן דארפן אונז זיך לערנען.

ס'ווערט געברענגט אז דער הייליגער ר' משה לייב סאסוב'ער פלעגט אסאך פארן קיין אונגארן, איינמאל ווען ער איז געווען אין אונגארן איז ער געווען אין די זעלבע שטאט פון די הייליגער ר' אייזיק'ל קאלוב'ער. ר' אייזיק'ל האט געזעהן ווען

מ'האט געדאווענט מנחה דארט ווי דער הייליגער ר' משה לייב סאסוב'ער זאגט, את הכבש אחד תעשה בבוקר ואת הכבש השני תעשה בין הערבית, מיט א מורא'דיגע ברען, און בשעת ווען ער האט דאס געזאגט האט ער זיך געדרייט און ער איז געגאנגען אהער און אהין אהער און אהין. ווען מ'האט געענדיגט דאווענען איז די הייליגע ר' אייזיק'ל צוגעגאנגען צו איהם און ער האט איהם געפרעגט, איך וויל אייך פרעגן א שאלה, פון ווי נעמט מען אזעלכע שיינע כבשים, פון ווי נעמט איר די את הכבש אחד תעשה בבוקר, פון ווי נעמט מען דאס. האט ער געענטפערט, פון מיין רבי די רבי ר' שמעלקא פון ניקלשבורג, דארט קען מען עס נעמען, אז מ'איז דבוק צו אים קען מען דאס האבן.

אונז ווילן וויסן פון ווי נעמט מען אזעלכע שיינע כבשים, פון ווי נעמט מען אזא דאווענען וואס רבינו הקדוש האט געדאווענט, ווי נעמט מען אזעלכע תפילות, ווי אזוי קען מען דאס באקומען. נאר אז מ'איז דבוק צו איהם קען מען עס באקומען, נאר אויב אונז וועלן זיך אביסל אנשטרענגען איהם צו ווייזן אז אונז ווילן, נאר אזוי וועט ער עס ארייננשיינען אין אונז, נאר אזוי וועט ער אונז געבן די כוחות אז אונז זאלן קענען ווייטער אנציען מיט דעם.

> על זה דוה לבו הק' כל ימיו שלא לדבר באמצע התפילה שע"י כך ישרה השכינה בינינו ועי"ז יושפע שפע רב לנו ולכל ישראל

ווער געדענקט וויאזוי ער האט גערעדט וועגן נישט רעדן ביים דאווענען. ער האט געזאגט אז מ'זאל חס ושלום נישט רעדן אין בית המדרש, מ'זאל נישט אויסרעדן אינמיטן דאווענען פון אדון עולם ביז אדון עולם. מ'זאל נישט פארטרייבן די שכינה הקדושה פון זיין מקום המקדש מעט. דער אויבערשטער האט דאך נישט זיין בית המקדש, די בית המקדש וואס ער האט היינט זענען די בתי כנסיות ובתי מדרשות.

ער האט א גאנץ לעבן געקלערט צו מאכן א בית הכנסת, ער האט עס אסאך מאל געזאגט, איך וואלט געוואלט בויען א בית הכנסת, איך בין נאך געווען דעמאלטס א אינגערמאן צו א בחור'ל, און איך האב נישט געוואוסט פארוואס ער וויל עס, האט איך איהם געפרעגט, פארוואס ווילסטו דאס, האט ער מיר געזאגט,

ווייל אין א בית הכנסת טאר מען נישט רעדן, און דאס ווייסט יעדער איינער, 'הלוואי קען איך עס אויך מאכן אין בית המדרש', און ער האט טאקע אזויפיל פרובירט עס צו טוהן.

ער פלעגט אוועק פארן אויף פלעצער פירן שבתים, און אויב האט מען גערעדט דארט ביים דאווענען האט ער גלייך די ערשטע זאך אויסגערופן, אויב הערט מען נישט אויף צו רעדן גיי איך מיר אהיים, אדער זאלן די וואס רעדן אהיים גיין, און איך פלעג איהם זאגן, טאטי עס איז דא דא פרעמדע מענטשן און זיי זענען נישט געוואוינט צו דעם, מ'קען דאס נישט זאגן, האט ער מיר געזאגט, דאס וויל דער אויבערשטער און נאר אזוי וויל איך. דאס איז געוועזן זיין רצון אז מ'זאל האלטן בכבוד'דיג דעם מקדש מעט.

פארוואס האט ער עס גענוואלט, ווייל ער האט געוואלט אז די שכינה זאל רוען דארט, פארוואס ווייל ער וויל אז די שכינה זאל רוען דארט, ווייל אויב וועט די שכינה רוען אויף אונז וועט ער קענען משפיע זיין פאר אונז בני חיי ומזוני, אונז ווארטן דאך אויף דעם דארפן אונז טוהן דאס מיט אביסל מסירת נפש, נישט חס ושלום רעדן אין בית המדרש, נישט רעדן חלילה ביי חזרת הש"ץ, נישט ביי די קדישים, נישט ביי קריאת התורה, מ'זאל האלטן די בית המדרש הייליג, דאס איז געוועזן זיין רצון.

> בחייו ראינו כמו שהתפלל בדביקות נפלאה ואכן נענה מן השמים בכל מה ששאל ולאחר פטירתו בוודאי יכול לפעול עוד יותר מבחייו

מ'האט דאך געזעהן ווי ער האט געדאווענט ממש ווי א קינד צו זיין טאט'ן און דער אויבערשטער האט אים געענטפערט ווי א טאטע צו זיין קינד, ער האט גערעדט אזוי שיין צום אויבערשטן. בחייו האט ער אלץ געבעטן פאר כלל ישראל, רבונו של עולם איך בעט דיך העלף פאר אידישע קינדער, אז ער האט דעמאלטס געבעטן קען ער דאך לאחר מותו זיכער בעטן, גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהם, ער קען יעצט מער בעטן און שרייען צום אויבערשטן אזוויו א קינד צו זיין טאטע, און דער אויבערשטער ענטפערט אים זיכער צירוק ווי א טאטע צו זיין קינד. אונז זענען דאך אלע קינדער פון איהם, כלנו בניך ישראל, דער טאטע אין

הימל זאל אונז שוין ענטפערן אונז זאלן שוין אלע געהאלפן ווערן, מ'דארף אבער טוהן וואס דער צדיק הייסט.

בהצדיקים הקודמים היו צריכין לקבל מדרגות גדולות, לא כן בימינו אלה שצריכין לקבל רק כפי כוחינו ומדרגתינו

דער צדיק זאגט דאך, בני שנו מדותו, מ'דארף זיך לערנען פין איהם וויאזוי א דאווענען דארף אויסקוקן, וויאזוי זיין תורה האט אויסגעזעהן מ'דארף עס לערנען און מ'דארף עס נאכטוהן.

אמאל ווען מ'איז געפארן צו אמאליגע צדיקים, וואס זיי זענען געווען הויכע אידן, יראים ושלמים בעלי מדריגה, האט מען זיך דאך געוויקט ביי אזעלכע הויכע צדיקים, און מען האט גענדארפט מקבל זיין פון זיי זייער הויכע זאכן, היינט דארף מען נישט מקבל זיין קיין הויכע זאכן, דו דארפסט נאר טוהן אזוי פיל, קום אריין אין בית המדרש, קום דאווענען מיט מנין, מאך א שיעור, זיי קובע עתים לתורה, די אלע זאכן דארפן אונז טוהן מיט מסירת נפש.

צריכין להתחזק בלימוד התורה שיעורין כסדרן - בלי התורה הק' א"א להתחזק בגלות המר הזה

מ'האט מסדר געווען די מזון הנפש, איך הער אז די אינגעלייט האלטן עס ברוך השם מיט, מ'שטעלט זיך ברוך השם צו צו דעם, מ'זאל זעהן עס ווייטער אנצוציען, מ'זאל עס חס ושלום נישט אפלאזן, מ'זאל עס אנהאלטן ווי א גדר און א סייג, די בלאט גמרא מוז איך לערנען יעדן טאג, יעדע וואך מוז איך ענדיגן די שיעורים. יעצט איז עס טאקע שווער, אבער ס'וועט קומען איין טאג וואס מ'וועט ענדיגן די מסכת, דעמאלטס וועט מען זיך אזוי פרייען אז מ'האט עס געענדיגט, מ'האט שוין ברוך השם געענדיגט אזויפיל מסכתות, ס'איז דאך אזא שמחה ווען מ'ענדיגט א מסכת.

ווען משיח וועט קומען וועט דער אויבערשטער פרעגן די אידן וויאזוי האבן ענק זיך געקענט האלטן אזוי לאנג אין דעם שווערן גלות, וועלן די אידן ענטפערן, לולי תורתך שעשועי, ווען נישט די תורה הקדושה, אז אבדתי בעניי - וואלטן אונז

שוין לאנג פארלוירן געווארן, נאר דורך די תורה הקדושה קען מען זיך האלטן דא אין גלות. דאס האט רבינו הקדוש אריינגעגעבן אין אונז.

### שלש תפילות של שבת כנגד שלש שבתות – שבת בראשית, שבת מתן תורה, שבת דלעתיד לבוא יום שכולו שבת

ווער געדענקט וויאזוי א שבת האט אויסגעזעהן ביי רבינו הקדוש. די הייליגע טור ברענגט (סי' רצ"ב) פארוואס זאגט מען שבת ביי יעדע פון די דריי תפילות אן אנדערע תפילה, ביי מעריב זאגט מען אתה קדשת, ביי שחרית ישמח משה, און ביי מנחה זאגט מען אתה אחד, פארוואס האט מען געמאכט דריי אנדערע תפילת. זאגט די טור ווייל יעדע תפילה ווייזט אויף אן אנדערע שבת. די תפילה פון מעריב, אתה קדשת, איז אקעגן די ערשטע שבת פון מעשה בראשית, אזוי ווי מ'זאגט דארט אתה קדשת את יום השביעי תכלית מעשה שמים וארץ, די אויבערשטער האט געהייליגט די זיבעטע טאג נאך וואס ער האט באשאפן די וועלט. די תפילה פון שחרית איז אקעגן די שבת וואס מ'האט געגעבן די תורה, דכולי עלמא מודי בשבת ניתני תורה, יעדער איינער איז דאך מודה אז מ'האט געגעבן די תורה אין שבת, אזויוי מ'זאגט טאקע דארט ישמח משה במתנת חלקו וכו' כליל תפארת בראשו נתת לו בעמדו לפניך על הר סיני, מ'רעדט דארט פון מתן תורה. און די תפילה פון מנחה איז אקעגן די יום שכולו שבת, לעתיד לבוא ווען משיח וועט קומען וועט א יעדן טאג זיין שבת, א גאנצע צייט וועט זיין בבחינת שבת, אזויוי מ'זאגט דארטן אתה אחד ושמך אחד, וואס דאס וועט דאך זיין ווען משיח וועט קומען, ס'וועט זיין ביום ההוא יהיה ה' אחד ושמו אחד.

### מי שהסתופף בצל רביה"ק בשב"ק הרגיש בלבבו כל השלש שבתות

ווען א איד איז געקומען צום הייליגן רבי'ן אויף שבת האט ער געשפירט די אלע דריי שבתים, מ'האט געשפירט אז ס'דא א באשעפער אויף די וועלט וואס ער האט אלעם באשאפן, און ער האט אונז געגעבן דעם שבת, דער איד האט געגעבן א טראכט, וואס איז היינט, 'שבת', פארוואס איז היינט שבת, ווייל דער אויבערשטער וואס האט באשאפן די וועלט, האט באשאפן די זעקס טעג פון די וואך, און ער האט אויך באשאפן די זיבעטע טאג, און ער האט אונז געהייסן רוען

אין שבת, אה, ס'איז דא א באשעפער אויף די וועלט, אזוי האט מען געשפירט די שבת בראשית. נאכדעם האט ער געטראכט, וואס איז שבת, וואס דארף מען טוהן שבת, שבת איז דא צייט, שבת איז דא מנוחה, ס'איז דא הרחבת הדעת, כדי מ'זאל קענען לערנען די הייליגע תורה, שבת דארף מען זיך ארייגליייגן אין די תורה, אזוי האט מען געשפירט די צווייטע שבת, די שבת פון מתן תורה. ווייטער האט ער געטראכט, דער אויבערשטער גייט דאך איין טאג ברענגען די גאולה און דעמאלטס וועלן אלע גוים זעהן אז ער איז טאקע נאר איינער און נאר ער קען אלעס און ער פירט אלעס, אזוי האט מען געשפירט דעם דריטע שבת, די יום שכולו שבת, די דריטע תפילה די אתה אחד ושמך אחד.

> מי שלומד ומדבק עצמו לבעל המימרא לבעל מחבר אז מובטח לו שהוא בן עוה"ב

דער אויבערשטער זאל העלפן, אז ס'זאל טאקע זיין אזויווי מ'האט פריער געזאגט, ווען מ'האט געמאכט די סיום האט מען געענדיגט מיט די גמרא, תנא דבי אליהו כל השונה הלכות בכל יום מוטח לו שהוא בן עולם הבא, דארף מען פארשטיין פארוואס זאגט ער כל ה'שונה' הלכות, שונה איז דאך א לשון פין חזר'ן, ער וואלט געדארפט זאגן כל ה'לומד' הלכות. נאר וואס דען, ווען איינער לערנט מיט נאך איינעם איז עס אזוי ווי ער לערנט עס צוויי מאל אזוי ווי ער חזר'ט עס. וואס איז אבער ווען א מענטש לערנט פריוואט. ווען א מענטש לערנט גמרא זאגט ער דאך נאך וואס די תנאים ואמוראים האבן געזאגט, איז עס שפתותי דובבות בקבר, איז עס אזוי ווי ער לערנט מיט זיי בחברותא, די זעלבע איז ווען ער לערנט רש"י תוספות צו אלע אנדערע ספרים איז עס אזוי ער לערנט מיט דער בעל מחבר פונעם ספר, אזא איינער איז דאך א שונה הלכות, אזא איינער איז מובטח אז ער וועט זיין א בן עולם הבא. ווייל ער איז זיך מדבק מיט די אלע צדיקים.

> מי שלומד ספרי עבודת עבודה, הוא כמי שלומד בחברותא עם רביה"ק ומובטח לו שהוא בן עולם הבא

ווען א איד לערנט דעם הייליגן רבין'ס ספרים, די ספרי עבודת עבודה איז עס דאך שפתותיו דובבות בקבר, רבינו הקדוש לערנט צוזאמען מיט איהם, דער איז

זיכער א בן עולם הבא. פארוואס, וויל ער איז זיך מדבק צום צדיק, און ער איז זיך מדבק מיט די אלע צדיקים, די אלע תנאים ואמוראים, די אלע תלמידי בעל שם וואס רבינו הקדוש ברענגט נאך פון זיי אין זיינע ספרים. ווען א איד לערנט די ספרים פון רבינו הקדוש איז ער דאך מקיים דעם שנו מדותי, און אז ער איז מקיים דער שנו מידותי ברענגט עס דאך אז ער זאל האבן השראת השכינה, אזא איינער וועט האבן אלע השפעות בעולם הזה, אזוויי רביה״ק ברענגט דאך פונעם זוהר הקדוש, און אז ער וועט האבן עולם הזה וועט ער דאך עולם הבא אוודאי האבן, אזא איינער איז מובטח לו שהוא בן עולם הבא.

> י-ה זכות אבות יגן עלינו, וישפיע לנו בזכותם השפעות טובות, ומבור גלות ידלנו ויעלנו

אונז ווארטן דאך אויף ביידע, אונז ווארטן צו האבן השפעות בעולם הזה און אונז ווארטן אז מ'זאל שוין זוכה זיין צום יום שכולו שבת. זאל דער אויבערשטער העלפן, אז די זכות פון רבינו הקדוש, און די אבות הקדושים זאל מגין זיין פאר אונז, מיר זאלן האבן וואס אונז דארפן.

רבינו הקדוש פלעגט דאך זאגן אז ס'איז גארנישט און זיין זכות, אלעס איז נאר אין די זכות פון די אבות הקדושים, די עלטער זיידע, די זיידע, די טאטע פון רבינו הקדוש, זיי אלע האבן זיך דאך מוסר נפש געווען פאר כלל ישראל, די אלע מעשיות ווערט דאך געברענגט, איך וויל נישט אריינגיין אין קיין לאנגע מעשיות, איך וויל נישט אויפהאלטן, יעדער איינער ווייסט דאך די אלע מעשיות וואס מ'זעהט ווי זיי האבן זיך מוסר נפש געווען פאר כלל ישראל, זאל מען זעהן ווייטער אנצוציען זייערע דרכים, און מיט דעם וועלן אונז ברענגען א השראת השכינה, און דעמאלטס וועלן זיי קענען משפיע זיין פאר אונז בני חיי ומזוני, וואס איז במזלא תליא מילתא, און דעמאלטס וועט דער אויבערשטער זיי געבן די רשות צו משפיע זיין, ס'וועט זיין של נעלך מעל רגלך, דער אויבערשטער וועט אראפנעמען די שלאס, דעמאלטס וועלן זיי קענען משפיע זיין פאר אונז אלעס וואס אונז דארפן.

און אונז זאלן טאקע זוכה זיין אז רבינו הקדוש און די אבות הקדושים און אלע צדיקים וואס ער איז געווען דבוק אין זיי זאלן אונז בענטשן. אונז ווארטן דאך אויף

א כתיבה וחתימה טובה, זאלן אונז אלע האבן בזכותם א גוט געבענטשט יאר, א זים לעכטיג יאר.

~ ~

דער אויבערשטער זאל העלפן אז יעדער איינער זאל האבן א גוט געבענטשט יאר, לשנה טובה תכתב ותחתם לאלתר לחיים טובים ארוכים ולשלום, בספרן של צדיקים גמורים. ביז אונז וועל מיר זוכה זיין אז ס'זאל שוין זיין די יום שכולו שבת, און אונז זאלן זוכה זיין צום ביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן.